# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן

ב"ה, לאָדזש־קראָקע־וואַרשע | מרחשון תרצ"ה | נומער 119 | עלפטער יאָרגאַנג


# מיט באַנייטע כוחות!

ארכיון אסופות

מיט צוועלף יאָר צוריק האָבן מיר אָנגיהויבן אונדזער אַרביט, ס'איז דעמאָלט גיווען די אידעאַליזם־תקופה אין דער אַגודה־באַוועגונג.

אַלץ וואָס האָט גיהאַט אַ שייכות מיט אגודת ישראל, מעג עס זיין די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרביט, איז עס גיווען אַן אידעאַישער ענין.

אָן חשבונות און אָן דערוואַרטונג אויף באַלוינונג, האָט מין אָנגיהויבן שאַפן פאַר זיך, פאַר דער תורה, פאַרן כלל ישראל און פאַר יידישקייט.

הארכיון היהודי

מיר זענין אַ־ויס מיטן רוף צו ראַטעווין די קינדער, דאָס יונגע פרויען־דור פון ווייס־בלאָער אַסימילאַציע און פון רויטן שמד.

הונדערטער אַגודיסטן האָבן אויפגיכאַפּט אונדזער רוף; גישטעלט זיך צו דער עבודת־הקודש פון שאַפן בית־יעקב שולן, גרינדן בנות־אָרגאַניזאַציעס און האָבן דערמיט אָפּגיראַטעוועט אַ גאַנץ דור פאַר ג—טס פאָלק!

צווישן איין טריט און צווייטן איז גישטאַנין אַן־אייזערנע וואַנט, צווישן איין שפּאַן און צווייטן זענין גילעגן דערנער און אַבני־נגף.

דאָס אַגודה־לעבן איז גיגאַנגין אַמאָל אַרויף, אַמאָל אַראָפּ. עליות און ירידות, נצחונות און דורכפאַלן אָבער — גישטאַנין זענין מיר ווי אַן־עמוד־הברזל, נישט אַראָפּגילאָזט די העגט און „מעוני" גיטון אונדזער חוב ווי ס'וואָלט גיווען „מעושר".

יאָרן און יאָרן האָט גיהערשט אין דער אַגודה־בעוועגונג, יענער ריינער אידעאַליזם וואָס האָט מיט זיין ריינקייט און ערלעכקייט גיגעבן מוט און כוח בייצוקומין אַלע שוועריקייטן, אָפּצושלאָגן אַלע אָנגריפן און גישטאַרקט צום ווייטערדיקן בויען און שאַפן.

אין אַלע צייטן האָט מין פאַרשטאַנין וואָס עס באַטייט אַן־אַגודיסטישע צייטשריפט, אַ־ריין יידישער און גוט־ליטעראַרישער זשורנאַל, פון אַלע זייטן, פון אַלע אַגודיסטישע פירער און עסקנים, האָט מין גישטאַרקט, אויב נישט מיט ממשותדיקע הילף, כאָטש מיט דערמוטיקונגס־רופן און גיטריישאַפט צום אידעאַל.

אַנדערע צייטן היינט...

מוזן מיר איצט אָנגורטן די לענדן, טאַקי אַציגד מערבב זיין דעם שטן און גאָר מיט באַנייטע כוחות פאַרשטאַרקן אונדזער היסטאָרישע־זאַך. פאַרפאַנצערן אונדזערע אידעאַלן, אויפהייבן הויך די פאָן פון ריינים אַגודיזם, תורה און יידישקייט.

בנות פירערנס און לערערנס!

צו אייך, צו די וואָס פאַרשטייען טיפער דעם אַגודה־רעיון, צו אייך זאָגן מיר: איר וואָס האָט שוין גילערנט און ווייסט אַז מע דאַרף אַ סך לערנין, כדי צו קאָנין גוט תופס זיין דעם מהות פון אַגודיזם און זיינע השקפות אויפן לעבן. איר, וואָס שרייבט אונדז טאָג־איין, טאָג־אויס, וועגן דוחק פון ליטעראַטור פאַר דער יוגנט. —

נעמט איר אונטער אַקציעס כדי צו פאַרפעסטיקן אייערע אייגענע פּאָזיציעס.

קודם — גיט כוח און קראַפט, די צענטער־ פּאָזיציע וואָס עס זענין די „בית־יעקב" בלעטער וואָס לאָזט הערן אייער שטים אין דער גרויסער ברייטער וועלט.

אין יעדן אָרט ווי איר גיפינט זיך, רופט צונויף גרויסע אסיפות פון יידישע פרויען. רעט צו זיי וועגן דער באַדייטונג פון דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע „טאָגבלאַט" און דערביי רופט אַריינצונעמין אין די יידישע שטובן דעם ריין־אַגודיסטישן און ערנצט ליטעראַרישן בית־יעקב־זשורנאַל.

פאַרגעסט נישט אין אייער שליחות, גידענקט אין אייער אחריות און זאָלן אייך נישט אָפּשרעקן קיין שוועריקייטן.

אַ סך דערנער וואַקסן אויס, מבפנים ומבחוץ, זיי צעלייגן זיך אויפן וועג פון אונדזער אַרביט, דאָס איז אַ שטיקל־אַרביט פון דעם אַלטן יידישן שונא דעם „יצר הרע". זייט־זשע איר ביים רייניגם גידאַנק און ביים פּוילן באַוואוסטזיין פון אייער גרויסע אויפגאַבע.

מיר האָבן דאָס פולע פאַרטרויען צו אייך, מיר ווייסן אַז פון אייך ווערט גיבויט דאָס ריינע אַגודיסטישע לעבן און אויב די אַגודיסטישע וועלט ווייס עס נאָך נישט גוט, קאָנט איר עס דערגרייכן און באַווייזן דורך אַריינפירן אין יעדן אַגודיסטישן הויז אייער גידרוקט וואָרט. —

רוימט אָפּ די דערנער פון אייער־אונדזער וועג און זייט זיכער אַז סוף־כל־סוף, וועט דאָס גאַנצע אַגודיסטישע לעבן אַוועק אויפן וועג וואו עס באַדאַרף צו גיין, אויפן וועג פון אויפלעבן דאָס גאַנצע יידנטום אַלס פאָלק וואָס לעבט מיט זיין אמונה און תורה אין אַלע זיינע ווינקעלעך.

## הרב מאיר שפירא

# ווער ווייסט וועמינס מארגן ס־איז...*)

זי האט גיהאט ביי וועמען מדות זיך צו לערנין, און האט אויך ערלערנט.

איר פאטער ז"ל דער באקאנטער גאון און צדיק ר' שמואל יצחק שור, דער מחבר פונים בארימטן ספר „מנחת שי"ג האט מיט זיין גרויסער חכמה און צדקות, א אוצר פון יראת שמים און מדות טובות אלע זיינע טעכטער איבערגיגעבן, און צו מיין מוטער ע"ה פלעג ער אפט זאגן: „רבות בנות עשו חיל, ואת עלית על כלנה".

א ווארים יידיש הארץ. ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט ווי אנ׳אמתע „אשת חיל".

און ביי דעם אנ׳אוצר פון סבלנות, צניעות און באשיידנקייט, ווי א כבודה בת מלך פנימה.

אט דיביידע עקסטרעמע מדות, האבן זיך צוזאמין אין איר נשמה קאנצענטרירט. האט ווער גיהאט עפיס א צרה בתוך ביתו, אדער האט ווער גידארפט אנ׳עצה טובה, איז די ערשטע בעגעבנהייט צו מיין מוטער ע"ה גיוועזן.

זי האט תמיד א טרייסט־ווארט גיפונין, דעם גידריקטן לייכטער צו מאכן אויפן הארצן, אויך א קלוגע עצה גיטראפן ווי אזוי יענים פון זיין פארצווייפלטער לאגע ארויסצופירן.

* * *

גאר א באזונדערע ענערגיע און צדקות האט מיין מוטער ע"ה ארויסגיוויזן ביים דערציען אונדז קינדער.

חכמת נשים בנתה ביתה...

די ערשטע בליקן מיינע צו מיין גיטרייע מוטער ע"ה זענין א וודאי גיווען ווען זי האט מיין וויגעלע גיוויגט מיט דעם טראדיציאנעלן לידל; לערן יונגעלע תורה, דאס איז די בעסטע סחורה. איך נאטירלעך גידענק עס נישט, נאר איך גלייב, אז ס׳איז אזוי גיוועזן, איך גלייב עס, און שפיר עס אויך אינסטינקטיוו.

אבער וואס איך גידענק שוין יא, איז, דאס, וואס זי האט מיר גיזאגט, ווען איך האב די חומש־דרשה גיענדיקט; לערן מיין קינד, לערן און איך וועל נאך זוכה זיין דיין רבנות־דרשה צו הערן.

און ווען איך האב שפעטער מיט 16 יאר ביים איבערנעמין דאס רבנות אין גלינא די ערשטע דרשה גיהאלטן, האט זי מיך אין אירע ווערטער דערמאנט.

קיין אנדערן פארלאנג האט זי פון אונדז קינדער, איבערהויפט, קיינמאל נישט גיהאט, דער איינציקער וואונטש איז תמיד גיוועזן, אז מיר זאלן גיין בדרך התורה.

נאך היינט שטייט מיר דאס בילד פאר די אויגן, ס׳איז גיוועזן א טאג נאך אסרו חג פון פסח אינים יאר תרנ"ד.

ווען איך — אלס זיבן־יעריק קינד — בין דעמלט אין שטוב אריינגיקומין, און האב זי גיטראפן זיצן טיף פארדאגהט אין די מחשבות, און זי האט אויך גירעט ווי צו זיך אליין:

„דער טאג וואס גייט אוועק קומט צוריק".

און ווער ווייסט... ווער ווייסט...

אזא גרויסע תורה און אזעלכע קליינע קרבנות.

„און ווער ווייסט... ווער ווייסט"...

און אז זי האט מיך אין דער מינוט דערבליקט האבן זיך טרערן אין אירע אויגן באוויזן.

מאמעשי, זאג מיר וואס איז גישען?

האב איך אנגיהויבן יאמערלעך זיך צו בעטן.

זאג מיר מאמעשי קרוין, זאג.

און דא האט זי מיר דערציילט: אז מ׳האט נאך פאר פסח באשטעלט פאר מייניטוועגן א מלמד פון סעביסטאוו א ת"ח גדול וי"ש מ׳האט אים טעלעגראפיש באשטעטיקט 300 רובל א זמן — חוץ אלע הצטרכותן — און ס׳איז שוין 2 טאג נאך פסח, מ׳הערט נישט און מע זעט נישט.

ווייסט מיין קינד האט זי אויסגיפירט:

יעדער טאג וואס גייט אוועק אומגילערנט איז אנ׳אבדה שאינה חוזרת...

און ווער ווייסט וועמינס מארגן עס איז...

און אפשר האבן מיר אים א צו קליין שכירות באשטעטיקט, אמת, ביי היינטיקע צייטן איז דאס אויך א קרבן.

אבער פאר אזא גרויסע תורה איז דער קרבן צו קליין... און ווער ווייסט... און נאכאמאל האבן זיך טרערן אין אירע אויגן באוויזן.

די טרערן פון מיין גיטרייער מוטער ע"ה זענין נישט גיוועזן לבטלה. נאך אינים זעלבן טאג איז מיין רבי ז"ל ר' יי[illegible]לום פון סעביסטאוו גיקומין, ביי וועלכן איך האב פון תרנ"ד ביז תר"ס רצופים גילערנט.

אט דער רבי מיינער איז גיוועזן א סימבאל פון „עושה מלאכת ה' באמונה" און די טרערן זענין באמת כדאי גיוועזן.

---

ווי עס זעט אויס האבן די טרערן פון מיין מוטער ע"ה און באזונדער די ווערטער: „פאר אזא גרויסער תורה זענין די קרבנות צו קליין" אויך ביים זיידן ז"ל — דער פאטער פון מיין מוטער הגאון אבד"ק מאגיסטרישץ ז"ל — אנ־אפקלאנג גיהאט.

ווי אזוי ער האט דאס גיוואוסט ווייס איך נישט עד היום, נאר דאס גידענק איך, אז ווען איך בין אינים יאר תר"ס אין דער באגלייטונג פון מיין מוטער ע"ה גיפארן צום זיידן ז"ל קיין מאגיסטרישץ לערנין, און בין דעמלט זייער קליין גיוויקסיק גיוועזן, האט דער זיידע ז"ל מיך באטראכט און זיך גיווענדיט צו מיין מוטער ע"ה שמייכלינדיק מיט די ווערטער: אזא גרויסע תורה... און אזא קליינער קרבן?... מיין מוטער ע"ה האט אים שלאגפערטיק גיענטפערט: זה הקטן, גדול יהי'...



כ"ד ניסן תרע"ה האט זי איר הייליקע נשמה דעם הימל איבערגיגעבן.

אבער נאך איז פריש אין זכרון ביי אונדז קינדער איר גאנצער פארלאנגין און שטרעבן.

און ווען מיר קומט אויס צו אגיטירען פארן „דף־יומי" ווידערהאל איך אירע ווערטער: „יעדער טאג וואס גייט אוועק אומגילערנט איז אנ׳אבדה שאינה חוזרה" איז ווער ווייסט וועמינס מארגן ס׳איז.

און ווען איך אגיטיר פאר דער לובלינער וועלט־ישיבה, קומט מיר נאכאמאל אויס צו ווידערהאלן אירע ווערטער: אלץ וואס מע גיט היינט איז א קרבן, אבער פאר אזא גרויסער תורה זענין די קרבנות צו קליין...

און ווער ווייסט... ווער ווייסט...

---

*) א מאמר, וואס דער לובלינער רב זצ"ל האט בשעתו אנגישריבן צום צענטן יאר־צייט פון זיין מוטער ע"ה.



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# ווע... ווע... ועכשיו...

נגינה, איז גיווען איינס פון די באליבסטע ענינים ביים לובלינער רב. ווער ס'האט געהערט אמאל זינגען דעם לובלינער זצ"ל, איינס פון יענע בראצלאווער ניגונים אדער אפט זיינע ספעציפישע ווי „צמאה לך נפשי" „לבי ובשרי", דער האט ארויסגעפילט די פאעטישע נשמה פון רב. א „אם אמרתי מטה רגלי" — מטה, מ--טה מ--טה אזא „מטה" דיקייט פון רב האט גיקאנט צעטאנצן און צעשפילן אלע סטרונים פון א יידישער נשמה.

ביים טיש פלעג ער זינגען, זה השולחן — ביים סוף — ועכשיו שאין בית המקדש קיים האט ער גיגעבן א גישריי ווע... ווע ו—עכשיו... האט עס הערצער צוריסן צושניטן און צובראכן, דער גאנצער טראגיזם פון גלות־השכינה, דער פייער־גרויל פון אונדזער היינטיקן עכשיו, וואס האט אויפגיציטערט, דער מעכטיקער און דער מעכטיקסטער אויסדרוק פון דעם אלים איז גיווען זיין טיף נשמהדיקער קרעכץ.

ווע... ווע... ועכשיו...

א יאר פאר זיין פטירה, גייענדיק אין גארליץ האט ער אין א שמועס מיטן שרייבער פון די שורות גיזאגט:

„יא, שמחה קאן נאר פארמאגן א גלייך הארץ און נישט קיין פארקרומטס. ולישרי לב — שמחה. מע דארף זיך קאנען פרייען מיט יסורים וואס זייער מקור איז א גלייך הארץ, זעלטן ווער, וואס ג—ט האט אים גיבענטשט דערמיט, ער זאל נישט זאגן ביים ערשטן נסיון „המ... ג--ט האט מיך גישטראפט דערמיט".

און ער זצ"ל האט זיך גיפרייט, גיפרייט מיט די יסורים של אהבה, וואס איז גיווען איין תוך־תוכו זיין הייליקער און אידעאישער ציל — יח"ל.

מיר גידענקין יענים טריבן פרייטיק־פארנאכט, ווען מ'איז אין די שטעטלעך גיוואר גיווארן וועגן זיין פטירה, ווער האט גיגלויבט?

רבי מאיר שפירא איז נישטא צווישן אונדז.

און ליידער... ליידער.

ווע... ווע... ועכשיו...

היינט גלייבן מיר שוין, מיר פילן זיין אפוועזנקייט אויף יעדן טריט. ער איז נישטא דער פאטער פון א שטיק דור. ער איז נישטא דער חבר און ליבער מיט־מענטש אין אלע זיינע ליידן און פריידן. עס איז נישטא דער מוח פון „אור המאיר", ס'איז נישטא דאס הארץ פון אומאויפהערלעכן מיטפילן יעדן ייד.

* * *

די ספרים הקדושים שרייבן:

אין טאג פון יארצייט ווערט די נשמה נתעלה אין א העכערן היכל.

יא, גרויסער רבי און מדריך!

דיין הייליקע נשמה ווערט היינט נתעלה און מיר פאלן אלס נידריקער און נידריקער, מיר זינקען וואס אמאל טיפער און טיפער. ליידן, יסורים אומדער־טרעגלעכע, פירוד־לבבות צווישן אייגענע, פול איז דערמיט יעדעס שפעלטעלע אויף אונדזער עולם־קטן.

אבער נאכמער, נאך ווייטיקדיקער.

מיר פילן שוין נישט, מיר ווערן טעמפ, גלייכגילטיק, ס'ווערט זעלבספאר־שטענדלעך. יא, ס'פעלט שטארק דער וואס זאל אויסקרעכצן דעם גרוילעכן ווע... ווע... ועכ—שיו...

* * *

דער חידושי הרי"מ זצ"ל האט גיזאגט: יעדער עכשיו איז אן־אנדערער ואם לא עכשיו — אויב נישט אין דעם עכשיו — אימתי — נאר אין וועלכן. שפעטער איז שוין אן־אנדערער עכשיו.

אינים היינטיקן עכשיו מוזן מיר גידענקין זיין יורש — ישיבת חכמי לובלין — די יידישע פרוי מיט איר אייביק מוטערלעכן חוש פאר ישיבה־תלמידים מוז אויפוואכן אין זיך, מוז צושטייער געבן צו דעם גרויסן בנין, צום חינוך פון אונדזער עתיד מיט אלע מעגלעכקייטן.

* * *

ער לעבט נישט דער זינגער

גיזונגען ר'האט א ניגון.

און נישט פארענדיקט...

נישט פארשטאנען און דערהערט גיווארן...

היינט פארשטייען מיר.

האט ער אויפגיהערט צו זינגען —

ווע... ווע... ועכשיו...

האבן מיר אנגיהויבן פילן אן א ניגון.

מיר פילן אים דעם „ועכשיו" אן אים, אין אלע רמ"ח אברים.

מיר הערן נאך דעם עכא... וואו? אין די ווענט פון ישיבת־חכמי־לובלין וואו ס'איז שפתותיו דובבות, אין מויל פון זיינע תלמידים.

ווען מיר ווילן דערמאנען דעם מאמר:

גדולה מיתת צדיקים, כשרפת בית אלקינו.

איז דער פאסיקסטער אויסדרוק פון אונדזער יתום־צער, דער שארפסטער און בולטסטער סימן פון אונדזער עלנט און פארלאזנקייט, זיין אייגענים ניגון.

ווע... ווע... ו—עכשיו...

**ש. אלתר**

---

## * דעם היינטיקן ווינטער, דריטער לאנד־צוזאמענפאר פון בנות־אגודת־ישראל אין פוילן.

### פירט אדורך די תרומת־חברה־אקציע אויפן יאר תרצ"ה

היינטיקן ווינטער וועט זיך צונויפקומען דער דריטער לאנד־צוזאמענפאר פון בנות־אגודת־ישראל אין פוילן. דער דאזיקער צוזאמענפאר האט צו פארענטפערן די ברענענדסטע און אקטועלסטע פראגן פון ארטאדאקסישן פרויען־לעבן בכלל און פון דער פרויען־יוגנט בפרט.

דער צוזאמענפאר דארף אבער קודם־כל אפשפיגלען די כוחות־פארהעלטענישן פון אונדזער באוועגונג, אונדזער נומערישער קראפט און אמתער סטא־טיסטישער גרויס, און דאס קאן נאר גישעען ווען עס וועלן זיין א גרויסע צאל וועלערנס פון דעלעגאטנס. וואס גרעסער די צאל וועלערנס אלס גרעסער די צאל דעלעגאטנס און אלס וואגיקער עס וועט זיין די השפעה און תועלת פון צוזאמענפאר.

### פארשאף־זשע דיר וואל־רעכט דורך תרומת־חברה!

**תרומת־חברה** איז דער איינציקער צייכן פון דער אנגיהעריקייט פון דער יידישער טאכטער און פרוי צו דער איינציקער אמת־יידישער פרויען־ארגאניזאציע, „בנות אגודת ישראל" און קיין שום בת־ישראל טאר זיך נישט אפזאגן פון געבן מאראלישע און מאטעריעלע הילף דורך תרומת־חברה.

**תרומת־חברה** שליסט איין די יידישע פרוי אין דער גרויסער היסטא־רישער אגודה־באוועגונג, וואס איז פארשפרייט אין דער גאנצער וועלט און שטארקט דאס יידישע פאלק, זיין גייסט, זיין קולטור און זיין גרויסן נאמען פון אמאל ביז אין דער ווייטער צוקונפט אריין.

**תרומת־חברה** גיט דאס רעכט צו וועלן און גיוועלט צו ווערן אין די צענטראלע לייטנדע קערפערשאפטן פון דער בנות־באוועגונג.

**תרומת־חברה קאן מיז אויך אויסקויפן דירעקט אין דער בנות־צענטראלע שיקנדיק 1 גילדן אויף פ. ק. א. 67.795**

**די בנות גרופן וועלכע האבן נישט באקומען צוגישיקט דאס ת"ח מאטעריאל דארפן דאס תיכף ארויספאדערן.**

אדרעס פון דער צענטראלע:

Sekretarjat B. A. J. Łódź, skrzynka pocztowa 156.

ארכיון אסופות



הודפס מתוך הארכיון היהודי

אויפּפאַסונג. רירנדיק זענען די חרטה־טענער און זייער שטאַרק פילט זיך דער אויסדרוק פון צער און עלנט, פון גלות האומה און גלות השכינה...
אבער נישט בלויז ווייגאַרטנס מעלאָדיעס צו לידער מיט אַ ספּעציעלן רעליגיעזן כאַראַקטער, נאָר אויך זיינע מעלאָדיעס צו סתם־לידער פאַרמאָגן טויזנט חנין. מיר געפינען דאָרט, למשל, צוויי נאַטור־מאָטיוון:

„דער זומער איז געקומען
אין דרויסן איז אַ פּראַכט
לעבעדיק געוואַנדערט
געזונגען און געלאַכט"...

(„לעבעדיק געוואַנדערט")

„ווינטן הוזשען, פייפן, ברומען
כמאַרעס לויפן בייז און גראָ
ווינטער איז שוין לאַנג געקומען
נאָר קיין שניי איז נאָך נישטאָ"...

(„ווינטער")

ווי שטאַרק פילט זיך דאָ דער אַטמאָספערישער מצב און שטימונג און וויפל טעאַטראַלישע אילוסטרירונג פינים ווארט האָבן מיר דאָ (ווי „ווינטן הוזשען"; „געזונגען און געלאַכט"). אין ערשטן — קרעפטיקער ריטם, זומער־פרייד, פּאַטאָס און באַוואונדערונג פאַר דער פּרעכטיקייט פון דער נאַטור... און אין צווייטן — ווייכע ליריק, מעלאַנכאָליע און בענקשאַפט נאָך דער פאַרלוירענער פרייד...

אָדער דאָס וויג־ליד:
„שלאָף, מיין פייגעלע, שלאָף;
חלום פון גליק און פון פרייד;
אין מערב דער הימל שוין רויט
די זון דאָרט פאַמעלעך פאַרגייט"...

ליריש־ראָמאַנטישע טענער, אַדורכגעוועבט מיט אומיטיקער בענקשאַפט פון אַ גוטער מאַמיס האַרץ, וואָס קוקט אין דער פאַרנעפּלטער צוקונפט פון איר קינד און וויל פון דאָרט אַרויסלייענען די פאַרווירקלעכונג פון אירע חלומות און באַגערן בנוגע דעם קינד, די פאַרווירקלעכונג פון אַ גליקלעכער און פרידיקער צוקונפט...

אַזוי באַמערקן מיר אין יעדן מאָטיוו פון ה' ווייגאַרטן דאָס טיפע אַריינדרינגען אין דער נשמה פונים ווארט און דאָס אַרויסברענגען פון דאָרט כמעט דעם מאַקסימום פון געדאַנק און געפיל, און דאָס -- אויף אַ פּשוטן און לייכטן אופן.

*

יאָרן האָט דאָס אָרטאָדאָקסישע פאָלק־ליד געוואַרט אויף דעם רעליגיעזן מוזיקער, וואָס זאָל זיין באַשאַנקען מיטן דיכטערישן כּוח־היצירה, און דער דאָזיקער מוזיקער איז ענדלעך געקומען. ה' ווייגאַרטן איז דער פּאַסיקער מענטש, וואָס איז בכּוח צו געבן אַ תּיקון דעם אָרטאָדאָקסישן פאָלק־ליד. דער מקור פון זיין שאַפן געפינט זיך נאָר אין זיין רעליגיעזיטעט און זיין עתיד ליגט דווקא אין דער רעליגיעזער פאָלק־מוזיק. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט אונדזערע דערוואַרטונגען נישט פאַרשעמען...

---

## אלימלך שטייער

# אין שאָטן פון כרך

(לידער פון גרויס־שטאָט)

### 1
## האַנדל...

ג—ט! ווי מיר איז באַנג אויף דער נשמה —
אין דיין בבליש צושטורעמטן כרך.
דאָ — וואו אַלץ האָט אַ שיינים נאָמען —
וואו אַלץ איז אַזוי גרויס און פלאַך...

גרויסע ווערטער, שיינע ווערטער,
וואַלגערן זיך דאָ אויף וועג און שטעג.
אומעטום — אין אַלע ערטער —
איז פון ווערטער אַ געיעג...

דאָ פאַרקויפט מען מינים־אַלע
מיט טומל און געשריי —
ס'איז אַ האַנדל מיט אידעאַלן —
און הייסע בייגל — צען גראָשן דריי...

און דער יעטלער מיט דער קוליע
גרילצט אין אויער פאַר זיין וויי,
סיי געוויין — און סיי אַ תּפילה —
אַלץ האָט דאָ זיין געשריי...

### 2
## מיין קרבן

איך טראָג דיר מיין צער —
אַנטקייגן — מיין ג—ט!
איך צווייפלער און אייגענע צווייפלען...
פון כרכס הפקר־טעג און צעוויייטיקטע נעכט
מיין לייב איז געפּענטיט אין רייפן...
מענטשן האָבן אין ג—ט דאָ פאַרגעסן,
צווישן שטיינערנע מויערן — פאַרלירט אַלץ זיין זין.
נשמות ווערן פון זשאַווער צופרעסן —
צווישן מאַשינען — ווערט מענטש אַ מאַשין...
איך טראָג דיר ג—ט ווי אַ קרבן —
מיין צער אַנטקייגן פון שטאָט —
וואו אַלץ איז אָפּגעשטאָרבן —
און וואַרט רק אויף דיין גענאָד...

וואַרשע, ערב פּרילינג צ"ד

---

אונדזערע טיפע מיטגעפילן געבן מיר אונדזער חברה
מאַלי ווייסבאַרד צום טויט פון איר מוטער
**גאָלדע** ע"ה
אין דער אַרבעט פאַר אונדזער אידעאַל זאָלסטו אַ טרייסט געפונען.
לאָדזש, **הענא ראַק, שרה רעדליך, פייגע גליצנשטיין און יוכבד ציטרין**

אונדזערע מיטגעפילן פון צער דריקן מיר אויס אונדזער פריינדן מאַלי ווייסבאַרד צום טויט פון איר מוטער
**גאָלדע** ע"ה
זיי געטרייסט בנחמת ציון וירושלים!
לאָדזש **הינדאַ שפּינער, רבקה רעדליך און צירל הערשבערג**

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל אונדזער חברה־שילערן רבקה לאה מאָרגנשטערן צום פריצייטיקן טויט פון איר געליבטן
**ברודער** ע"ה
אין דער אַרבעט פאַר אונדזער אידעאַל זאָלסטו אַ טרייסט געפונען.
פינפטער קורס ב"י
סקאַרזשיסק לערערין **אסתר זלאַטאָגורסקאַ**

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

# גיקליבינע פערל

גיזאמלט פון
**א. שנור**
(נאכדרוק פארבאטן)

[redacted]

## תורה-ווערטער, גידאנקין און אפאריזמין פון יידישע גרויסע מענטשן.

## אחדות, אהבת ישראל

א׳

האספו ואגידה לכם —
זייט צניוותדיק, (פון לשון אפס — ואין), ערשט דעמלט וועט קענין זיין ביי אייך אנ־אגודה־אחד.
(דער סקערניעוויצער זצ״ל)

ב׳

עפ״י דין טאר מין א בעל־גאווה נישט האלטן אין קיין יידישער שטוב, ווייל ס׳שטייט תועבת ה׳ כל גבה לב -- און — ולא תביא תועבה אל ביתיך.
(דער לובאוויטשער)

ג׳

ישנו — עם אחד (מגילת אסתר)
ווען איז עס א יש, א וועזן בפני עצמו? ווען ס׳איז עם אחד, א פאלק מיט אחדות
(ר׳ מאטעלע טשערנאבלער)

ד׳

בדרך בדיחותא:
ויתפרו עלה תאנה — ווען יידן נייען זיך צוזאמין (פון לשון תפר — נייען) מיט אחדות, ווייזן זיי „אלע״ גויים א פייג.
(דער ראפשיצער)

ה׳

חסידים דאווינין שפעט.
דערפאר ווייל זיי קאנין דאווינין, ערשט ווען ס׳איז א י י נ ס.
(דער ריזשינער)

ו׳

מה טוב ומה נעים — ווי פיין און גוט וואלט גיווען, ווען שבת אחים — ברודער קאנין זיך פארהאלטן ווי ברודער, אפילו גם יחד — זיי וואוינין צוזאמין, נישט בלויז ווען זיי קומין זיך א גוט יום־טוב וואונטשן.
(רבי מאירל פרעמישלאנער)

ז׳

שנים שיושבין — אויב צוויי זיצן, ואין ביניהם — און ס׳איז נישטא קיין פירוד לבבות צווישן זיי, דאס אליין איז שוין דברי תורה.
(דער ווארקער)

ח׳

חבלי משיח -- פון לשון חבל — שטריק. ווען יידן וועלן זיין פעסט צוזאמין פאר־אייניקט, וועט קומין משיח.
(דער קאזשעניצער)

ט׳

באשעפער! אין דער תורה איז דא ס׳ רבוא״ אותיות א קייגן ס׳ רבוא נפשות מישראל. אויב אין א ספר־תורה פעלט אנ־אות איז זי פסול, אזוי ווען יידן האלטן זיך צוזאמין, קאן מין זיי גאר נ׳שט טון.
(דער בארדיטשעווער זצ״ל)

יוד

ווי קאנט איר אויף מיר זאגן אז כ׳בין דער צדיק־הדור, אויב כ׳האב אין מיר אביסל מער אהבה פאר מיין פאמיליע, ווי צום פראסטן מענטש פון ישראל.
(ר׳ דוד מלעלאוו)

י״א

באשעפער! אויב מע וועט מיר פסקינין גיהינום, וועל איך דאך דארטן אריין צוזאמין מיט מיינע אלע חברים און חסידים, נו, וועט עס שוין זיין באלד א גן־עדן.
(רבי ר׳ בונם)

י״ב

אל תהי רשע בפני עצמך (אבות)
זיי נישט קיין רשע, מיט דעם וואס דו ביסט „בפני עצמך״, א פורש מן הצבור.
(רבי ר׳ ברוכל)

י״ג

לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו
זיי האבן זיך איינער דעם צווייטן נישט גיקאנט אנקוקן, דערפאר האבן זיי זיך נישט גיקאנט פון ארט רירן.
(דער קאצקער)

י״ד

נשא לבבינו אל כפים.
מיר באהויכן אונדזער האנט־דרוק מיט הארץ, מיר לייגן אריין הארציקייט אין אונדזערע מעשים.
(דער ייד הקדוש)

ט״ו

ואהבת לרעך כמוך אני ה׳
ליב דיין חבר, ווי אזוי? — אזוי ווי דו ביסט מחויב מיך ליב האבן בכל לבבך, ובכל נפשך ובכל מאודך.
(רבי שמעון מיאריסלאוו)

ט״ז

ביים פארן פון שטאט צו שטאט, דארף מין מיטנעמין א חפץ פון חבר צו חבר און דערמיט זיין א שליח מצווה — וואס אינו ניזוק.
(דער סאדיגורער)

י״ז

ותתצב אחותו מרחוק —
מרים האט אוועקגישטעלט איר „שוועס־טערלעכע קרובהשאפט״ פון דער ווייטנס זי האט באטראכט און מיטגיפילט משהס צער און גורל, אן קרובהשע נגיעות און דאך אזוי טיף מיטגיווייטיקט.
(נועם אלימלך)

י״ח

אם יסתר איש במסתרים ואנו לא אראנו
אויב א מענטש באהאלט זיך מיט זיין „אני״ ער האט אין זיך זיין איך — לא אראניו — קאן איך נישט אנקוקן אים.
(בעש״ט)

י״ט

את אחי אנכי מבקש.
מיין בקשה איז — צו זיין צוזאמין מיט מיינע ברודער.
(דער אמשינאווער)

הארכיון היהודי

גידענק יעדע נשמה איז פון כסא הכבוד און אויב דו מאכסט חילוקים איז עס א פאר־ברעך, צעהאקסטו דעם כסא הכבוד.
(רבי ר׳ משה לייב)

כ״א

צוויי יידן צוזאמין זענין א שם.
(ר׳ שלמה מלענטשיץ)

כ״ב

ביי א מספר איז דא א נול וואס באדייט פאר זיך גאר נישט, גיב־זשע צו א ציפער ווערט עס פארצענפאכיקט, וואס מער ציפערן אלץ פיל פאכיקער ווערט עס. דער פראסטער מענטש איז פאר זיך גאר נישט, האלט ער זיך אבער אין איינים מיט א גרעסערן ווערט ער צען פאכיק נתעלה א. א. וו.
(דגל מחנה אפרים)

---

# ביבליאגראפישע נאטיצן

ארכיון אלטונה

**„שערים״ בטאונה של תנועת אגודת-ישראל בא״י, תל-אביב — תשרי תרצ״ה.**

א פריידיקן גרוס פון אונדזער שרייבער־משפחה אינים הייליקן לאנד.

האבן עולה גיוועזן עטלעכע פון אונדזערע עלטערע און יונגערע שרייבער.

האבן עולה גיוועזן א גרעסערע צאל ארטאדאקסישע חלוצים און יוגנטלעכע. אריינגיברענגט זייער התלהבות און עס דארטן שטארקער צעווארימט און אט... האבן זיי פאר אונדז אויפגיפראלט, ליכ־טיקע העלע און רחבותדיקע „שערים״ — מיר זאלן ארייננקוקן און זעען זייער לעבן. זייער קאמף און ארבייט פראלן פאר אונדז אויף „טויערן״ פון זייער הארץ און נשמה וואס אטימט מיטן אוירא דארץ־ישראל.

און וואס זעען מיר דארטן!

קודם כל טרעפן מיר דארטן אונדזער היימישער משפחה ביי איין טיש. יעקב לאנדוי, בנימין מינץ, מיט די יונגערע גרשון גורא (היינט — הררי), דוד אפטיי־קער אלע מיט איין ציל און כ׳ונה, צו שאפן א „אחוד״ פון אלע אגודיסטישע סניפים, צוזאמין מתחזק זיין אין קאמף פאר א יידיש תורהדיק ארץ־ישראל.

יעקב לאנדוי ענטוויקלט פאר אונדז דעם גאנצן פראגראם פון דער אגודה נאכאמאל אין א לייכטן לשון־קודשדיקן סטיל.

בנימין מינץ טיילט זיך מיט די איינדרוקן פונים אגודה־לעבן, ארטאדאקסישע עלי׳ און ארבייט אין ארץ־ישראל. מיר טרעפן דארטן א רייכן ליטעראַרישן טייל, שירים און אפילו מוסר־שמועסן וואס פירן אונדז אריין אינים ישיבה־לעבן פון סלאבאדקע און באזונדערס איז פאר אונדז דער־פרייענד דער גרוס פון אונדזערע שוועס־טער אין ארץ־ישראל פון דארטיקן „בנות״ און נשי־לעבן פון זייער קאמף און ענטוויקלונג.

דער בלויזער אויסערלעכער איינדרוק איז א דערפרייענדיקער. גרויסע 8 זייטן, ווי די גרויסע אייראפעאישע צייטונגין און אויך דער תוכן זאגט א סך, דערציילט און רעט צו אונדז, פון אונדזער לאנד, פון אונדזערע ברודער און שוועסטער.

„לאמיר זיך שטארקן, צוזאמינהאלטן אין ארץ־ישראל די אגודיסטישע באוועגונג, אנקליידן זיך מיט מוט און שטאלץ פ ר אונדזער שטרעב, זאלן ויך ארגאניזירן די זקנים, צעירים און פועלים, בנות און נשי אין איין מחנה — אגודת ישראל און זאל דער פאראייניקטער פראנט זיין אנזעעוודיק, לסימן ולברכה.

דאס איז די שטרעבונג פון דער צייטונג און מיר וואונטשן פון אונדזער זייט ס׳זאל אפט גיפינין זיך פאר אונדז אזעלכע פריידיקע „שערים״ גרוסן פון אונדזער הייליקן לאנד און טאקע שערים המצוינים...

נעמט אן אונדזער ברכה, פון אייערע שרייבער חבריב דא אין גלות.

זייט גישטארקט אין אייער מסירת-נפש, אומדערמידלעכער עקשנות פאר דער אידעע און אין די אומאויפהערלעכע גייסטיקע און פיזישע ארבייט — ווייל די און נאר די זענין די מדות וואס אנ־ארטאדאקסישער עולה דארף זיך אויסצייכינין כדי ער זאל קאנין דערפילן זיין גרויס שליחות אין ארץ־ישראל.

חברים שרייבער! להתראות מיט א צו־זאמינארבייט לטובת אונדזער רציון.

חזקו ואמצו!

**א. חרוזי**



הודפס מתוך הארכיון היהודי

בײַלאַגע צום
בית־יעקב־זשורנאַל
נומער 119

# בנות־בלעטער

חשוון
תרצ״ה

שרה שענירער

## צום חודש חשוון

און ווידער איז פאַרגאַנגין דער גרויסער תשרי־חודש און השם זאָל העלפן, אַז זיין השפעה זאָל אונדז באַגלייטן ס־גאַנצע יאָר.

יאָ, הייליקע וואָכן האָבן מיר אַדורכגילעבט, פון ערשטן טאָג ר״ח אלול ביז די ימים טובים. יעדער טאָג — אַ נייער פערל, אַ נייעם אוצר פון יידישן לעבן.

צוריקקערנדיק צו דער אַלטעגלעכקייט, צי שטייען מיר נאָך אַזוי ריין און פריי, אַזוי מוטיק און שטאַרק, לוסטיק און בשלום מיט זיך, ווי אין די גרויסע ימים־נוראים. צי איז שוין חיו אונדזער ריינקייט פאַרטונקלט?

ווייל פאַר קיין שום גידאַנק האט אונדזער אמונה נישט אַזוי מורא, ווי פאַר דער מחשבה, אַז מ־האט שוין מיט די פאַר טעג קדושה יוצא גיווען. מ־האט שוין דערפילט דעם חוב לגבי השי״ת.

דער עיקר איז: מיט וועלכע גידאַנקין מיר טרעטן צו, צו דער אַלטעגלעכע אַרביט, נאָך אַזאַ חודש פון לויטער קדושה, ווי ס־איז דער חודש תשרי?

דערפאַר האט אונדז די תורה־הקדושה גיגעבן דאָס גיבאָט פון תוספות שבת ויו״ט.

כדי מיר זאָלן נישט אַזוי שנעל איבערגיין פון דער קדושה צו דעם אַלטעגלעכן. נאר מיר זאָלן נארמאַל און ווייטער ציען זיין קדושה, מע זאָל נישט מיינין, אַז אונדזערע הייליקע טעג זענין ווי אַן־אַאַזע אין דער מדבר. נאר מיר זאָלן שטענדיק גידענקין, אז יעדער שבת, יעדער יו״ט איז ווי אַ קוואַל פון ברכה, וועלכער פאַרשפרייט זיין ברכה אויף אַלע זייטן.

דאָס איז די באַדייטונג פון שמיני־עצרת.

„עצר״ איינהאַלטן, באַהאַלטן. דאָס דערמאָנט אונדז דאָס וואָרט עצרת. דאָס וואָס מ־האט זיך אין די קדושה־מאָמענטן אויסגיקעמפט, זאָל עס פאַרבלייבן אינים פנימיות, פאַרקניפן אין אונדז, ס־זאָל קיינמאָל זיך נישט צורייסן, דאָס, איז די הויפט־פאָדערונג וואָס דער סוכות יו״ט שטעלט פאַר אונדז.

זיין אויסלאַז, די פרייד פון שמחת־תורה, מיט די שמחה פירט ער אונדז ריין אינים טעגלעכן לעבן, מיט די שמחה פון גייסטיקער התגלות פון אונדזער אויפגאַבע.

די תורה איז דער קערן פונים אייביקן גייסטיקן גליק, די איינציקע באַנד וואָס האַלט אונדז פעסט פאַרבונדן מיט השי״ת, זי איז די פרי וואָס ווערט פאַר אונדז צייטיק און יעדער שעה פון אונדזער לעבן.

דורך איר בלייבט יעדער גינוס, יעדע מעשה — אונדזער אייגנס, אויב מיר האָבן נאר ריכטיק פאַר השם הנאה גיהאָט — דורך אַ ברכה.

*

זי, די תורה, איז די פאַרווירקלעכונג פון „עצרת״ פון פאַרבלייבן, פאַרבלייבן אייביק פעסט מיט השם פאַרבונדן.

זי מאַכט אונדזער גאַנץ לעבן צו אַ וואָכנדער יו״ט און יעדן אָטים צו אַ ליכט פאַר ג—ט.

זי, איז יענער הייליקער פייער, וואָס ווייס גישט פון קיין לעשן זיך, וואָס אפילו שטורמין און ווינטן מיט אַלע כּוחות קאָנין נישט מינערן איר פלאַם, איר הייליקן פלאַם פון דער תורה.

יאָ, ווען די גאַנצע נאַטור איז פאַרפרוירן, אויף אַרום איז קאַלט און שטאַרק, זאָל אין אונדזער הארץ פלאַמין די הייסע אהבת־השם, וואָס מים רבים לא יוכלו לכבות, קיין שום וואַסערן, רעגן־שטורמין, זענין נישט אומשטאַנד צו לעשן.

דער גאַנצער ווינטער איז דער יום־טוב פון „עצרת״ פון האַלטן אין זיך יענער התלהבות־דקדושה, זאָלן מיר אייביק אַרויסווייזן, אַז נאר מים דער תורה אין דער האַנט, קענין מיר אָן אַלע מאַטעריעלע גליקן „פאַרבלייבן״ ביי הקב״ה.

און דאָס דאַרף אונדזער גייסטיקער ווינטער־אַרביט שטענדיק באַגלייטן מיט שמחה!

אונדזער אַלטער דעוויז: „עבדו את ה׳ בשמחה״ זאָל אונדז שטענדיק באַגלייטן. אַלזאָ צו דער אַרביט! זאָלן אין דעם שטילן חשוון־חודש אָנהויבן צו רייפן, די קדושה־קערנדלעך וואָס מיר האָבן אין גרויסן תשרי־חודש פאַרזייט און אויסוואַקסן צו גרויסע, שיינע פירות מיט וועלכן מיר וועלן זיך ערשט באמת אונדזער גאולה פאַרדינין.

„עצרת״ — השי״ת האט גיוואָלט פרייען זיך מיט אונדז, זיינע קינדער, גיוואָלט אונדז באַהויכן מיט שמחה, מיט דער שמחה פון זיין הייליקער תורה און גיזאָגט „עצרת״ — בלייבט ביי מיר, פאַרבלייבטס ביי מיין שמחה, ווי די הז״ל זאָגן צו — „אני ואתם נשמח יחד״ איך און מיר וועלן זיך פרייען צוזאַמין איינער מיטן אַנדערן, ווייל שמחה, פרייד איז דער עיקר צו אַלע מצוות. ס־איז דער אַטריבוט פון אַלים און אַלימין און באַזונדערס ביי מצוות התורה.

„בלייבן״ רופט צו אונדז השי״ת מיט די תורה אין דער האַנט.

נישט מיט די פאַר מינים, נישט אונטערן שויך־דאַך פון דער סוכּה פאַרלאָזן מיר דעם „זמן שמחתנו״. די סוכּה ווערט פאַרשלאָסן, די ארבעה מינים אָן אַ זייט גילייגט און מיט די ספר־תורה אין דער האַנט שטייט ישראל פאַר הקב״ה און „עצרת״ זאָגט ער צו אונדז.

מיט דעם זאָלט איר פאַרבלייבן, מיט שמחה אין האַרצן און תורה אין האַנט זאָלט איר גיין אינים ווינטערדיגן שווערן טאָג!

---

# וויכטיקע בנות־שריפטן

## קולטור־פּראָגראַם

צונויפגישטעלט דורך
י. ל. אָרלעאַן

שוין דעם היינטיקן חודש דערשיינט דאָס לאַנג־דערוואַרטעטע קולטור־פּראָגראַם פאַר די אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פּוילן.

דאָס דאזיקע פּראָגראַם נעמט אַרום די לימודים און קולטור־אַרביט פון „בנות״ במשך ניין יאָר צייט. מיר גיפונין גינויע אָנווייזן פאַר די לימודים פון תורה יהדות, גישיכטע, ליטעראַטור אאַ״וו, דאַן קומין רשימות פון שריפטן, מאמרים און הילף־ספרים.

דאָס בוך האַלט בערך 150 זייטן און וועט זיין אַ גוט האַנט־בוך פאַר אַלע בנות־פירערנס.

---

## פּראַקטישער וועג־ווייזער פאַר דער אגודיסטישער פרויען־באַוועגונג

צונויפגישטעלט דורך
א. ג. פרידנזאָן

דעם קומענדיקן חודש דערשיינט אַ בוך „פּראַקטישער וועג־ווייזער פאַר דער אַגודיסטישער פרויען־באַוועגונג״. אינים דאזיקן בוך וועט זיך גיפיגין אָנווייזן וועגן דער גרינדונג און אָרגאַניזירונג פון אַ „בנות״ אָפּטיילונג, וועגן פאַרוואַלטונג, גרופּן־פירערשאַפט, קאָמיסיעס, גיביטן פון אַרביט, באַציאונג צו דער צענטראַלע, צו דער אגודה און אירע צווייג־אָרגאַניזאַציעס, אויך גינוי וועגן דער אָרגאַניזירונג פון „נשי אגודת ישראל״ אויך אדרעסן פון אַלע צענטראַלעס, רעדאַקציעס, וויכטיקע אגודה־פּערזענלעכקייט, אאַ״וו.

---

## אונדזער ציל

צונויפגישטעלט דורך
א. ג. פרידנזאָן

זאַמלונג פון מאמרים צו דער אידעאָלאָגיע און צילן פון בנות־אגודת־ישראל עס באַטייליקן זיך אַ ריי חשובע אגודה־פירער און שרייבער.



הארכיון היהודי
הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 15 מתוך 20

